# פרשת נשא ו׳ - י״ב סיון תשע״ט לפ״ק

***יום ראשון פרשת נשא – א׳ דשבועות***

לפני קריאת התורה נאמרה פיוט האקדמות על ידי **רבינו שליט״א** בקול רגש ומעורר הלבבות. – אחר התפלה ערך **רבינו שליט״א** הקרעפיל טיש לכבוד החג. אחר טעימה ממאכלי חלב וניגוני שמחה, השמיע **רבינו שליט״א** דברי דרוש ואגדה בעניני מתן תורה, והאריך בכמה אופנים בענין טענת המלאכים שתנתן להם תורה מדינא דבר מיצרא.

*

***יום שני פרשת נשא – ב׳ דשבועות***

בסעודת נעילת החג אחר זמן ממושך של זמירת ניגוני התעוררות, השמיע **רבינו שליט״א** מדברות קדשו בגודל קדושת החג שעבודתינו להמשיכם על שאר ימות השנה, לקבל עול התורה ומצותיה, וכל מה שאדם מתעצם בקדושת התורה, נתעדן ביותר בהנהגתו ובמעשיו. ובענין האות ה״א שהיתה חופפת על בני ישראל במדבר, להורות על ענין התשובה שידו פתוחה לקבל שבים. ודרגת התשובה היא כאתא קלילא האות ה״א, שקל ביותר להוציאו בשפתיו, כמו כן די בהרהור אמיתי להשתנות בתשובה ותיקון המעשים.

***וזה תוכן סיום הדברי תורה:***

**עס** איז היינט יום חתונתו ושמחת לבו (ג-יא, עיין תענית כו:), יעדער איד האט מקבל געווען די תורה, אבער ער דארף זיך אליין פרעגן, מיט וואס גיי איך אוועק פון קבלת התורה? וואס וועט זיין ביי מיר מארגן אנדערש, פון וואס עס איז געווען נעכטן. מיר זענען אלע שומרי תורה ומצות, מיר אלע האבן ביז יעצט אויך געדינט דעם אייבערשטן, וואס האט זיך געטוישט אין דיין לעבן זייט קבלת התורה?

**עס** דארף זיך גארנישט טוישן. נאר א פרישע חיות, מיט א פרישע חשק, וויסן די חשיבות פון תורה, וויסן די חשיבות פונעם לעבן, יעדע בלאט גמרא וואס ער לערנט נאך, יעדע מצוה וואס ער טוהט, דארף ביי אים זיין א מורא׳דיגע חשיבות. הביאני אל בית היין (שיר ב-ד), אזוי ווי ביי יין, ווי עלטער ער ווערט, דארף ער מער משיג זיין, אז זיין נעכטיגע עבודה איז נישט געווען קיין געהעריגע עבודה, היינט האב איך מער דעת, איך בין מער אויפגעבויט, עס איז שוין אדורך געגאנגען נאך א יאר, און נאך א יאר. - מתן תורה דארף ברענגען ביי א איד א התחדשות, אזוי ווי ביי הר סיני, עס זאל זיין ירדה שנאה לאומות העולם (שבת פט.), איך קען נישט טון וואס דער גוי טוט. נישט איך בין צוריק געהאלטן ווייל די תורה לאזט מיך נישט, נאר עס דארף זיין א שנאה לאומות העולם. ווייל תורה איז א ׳כלי חמדה׳, די תורה איז אונז געגעבן געווארן, אז עס זאל זיין א כלי אוועק צונעמען די חמדה וואס איז דא צו עניני עולם הזה.

**מען** ווייסט אז ביי א חתונה, דארף די כלה וואס קומט אריין צום חתן אין שטוב, איבערלאזן די דירה ווי זי איז געווען פאר דעם. זי האט געוואוינט צוזאמען מיט די עלטערן, און מען לאזט אלעס איבער, פון יעצט אָן, גייט זי אריין אין א נייע דירה, מען גייט וואוינען מיטן חתן צוזאמען. און ווי דער סדר איז, מען טוישט די משפחה נאמען וואס מען האט געהאט פון פריער, מען טוישט זיך צו דעם חתן׳ס נאמען, צו וועם זי האט חתונה. אויב די כלה זאל זאגן פארן חתן, איך בין גרייט חתונה צו האבן, איך וויל אבער נישט איבער לאזן מיין טאטע׳ס שטוב, איך גיי בלייבן ווייטער ווי איך בין, און נאר פון צייט צו צייט וועל איך קומען צו דיר. אבער איך בין נישט גרייט צו טוישן מיין נאמען אזוי ווי דו הייסט, איז די גאנצע חתונה נישט קיין חתונה. עס איז מעיקרא שוין אויסגעשטעלט, אז מען איז זיך נישט מאחד אינאיינעם, און מען איז זיך נישט מחבר צו דעם פלאץ ווי איך גיי, עס איז נאר ליתר שאת, אבער איך קען לעבן אָן דיר אויך, איך האב מיין שטוב, ווי איך קען זיין אזוי ווי פארדעם. נישואין איז די טייטש, אז מען לאזט איבער וואו מען איז געווען ביז יעצט, און מען טוישט זיין אדרעס, און זיין נאמען, ער גייט אויף א נייע פלאץ.

**מתן** תורה איז יום חתונתו, עס איז די טאג פון אונזער חתונה. ביי א חתונה לאזט א מענטש איבער אלעס וואס איז געווען פאר דעם. ביז מתן תורה זענען מיר געלעגן אין עולם הזה, מיר האבן נישט געהאט קיין תורה, מען איז געזעצן צוזאמען מיט די מצריים. וואס די מצרי האט געטון, האבן יודען נאכגעטון, מען איז געלעגן אין הבלי עולם הזה, ביז עס איז געקומען יום חתונתו. אויב מיר ווילען

ווייטער ליגן ווי מען איז, נאר מען איז מקבל די תורה אויך, איז דאס נישט קיין יום חתונתו. אז מען בלייבט וואוינען אין די אלטע דירה ווי מען איז געווען, מען וויל נאר האבן א יום חתונתו אויך, מען איז נישט גרייט צו טוישן דעם נאמען וואס מען האט געהאט פון פריער, דאס ווייזט אז מעיקרא איז דאס נישט קיין חופה וואס איז עשוי להתקיים. - עס איז ביי אונז יום חתונתו, מיר לאזן איבער אלעס וואס איז געווען פאר דעם, מיר גייען זיך מדבק זיין אין דרכי התורה, דאס וועט זיין אונזער חיות, דאס וועט זיין אונזער לעבן. מיר האבן נישט דעם זעלבן נאמען וואס מיר האבן געהאט פאר דעם. אזוי ווי ביי א חתונה טוישט מען זיך דעם נאמען, אזוי זענען מיר דאך די כלה פון דעם אייבערשטן, תואר כלה מאוד נתעלה בקבלת תורה מסיני, אזוי דארף צו זיין דער יום חתונתו ויום שמחת לבו.

*

**וועו** מען גייט אוועק פון מתן תורה, מען גייט נישט אוועק, מען נעמט מיט מתן תורה מיט זיך. **עס קומט א לאנגע זומער, א שווערע זומער מיט נסיונות, בפרט אין די מדינות ווי עס איז אזוי אויסגעשטעלט מיט פריצות, דארף מען וויסן אז מען איז א יוד. מען דארף זיך נישט דרייען אויף די גאסן. וואו מען דארף נישט צו גיין, דארף מען נישט צו גיין. און אז מען גייט אוועק זומער זיך אויסרוען, דארף מען גיין אויף אזא פלאץ וואס איז אויסגעהאלטן תורה'דיג, עס זאל זיין אויסגעהאלטן יודיש.** דאס איז די יום חתונתו, מיר האבן מקבל געווען די תורה, עס איז נישט ווייל איך וויל גיין, נאר די תורה לאזט נישט, נאר עס דארף זיין ירדה שנאה לאומות העולם, דער גוי פירט זיך אזוי, ובחוקותיהם לא תלכו (ויקרא יח-ג), מיין ציל אין לעבן איז א אנדערע סארט ווי דער גוי לעבט. א גוי ליגט אין עולם הזה, ער זאל האבן עולם הזה וויפיל ער קען, אונזער לעבן איז נישט פאר עולם הזה, מיר האבן נאכדעם א גרויסע עולם הבא. יעדן טאג וואס מיר לעבן, איז נאר א דורכגאנג צוצוקומען קונה צו זיין חיי עולם הבא, דאס דארף זיין די וועג פונעם לעבן.

**דער** עיקר איז לימוד התורה, בראתי יצר הרע בראתי לו תורה תבלין (קידושין ל:). ברוך ה' עס איז די לעצטע פאר יאר נתרבה געווארן לומדי תורה, אויף א אויסערגעוועונליכע פארנעם, ביי אונז אין די קהילה און איבעראל איז דא שיעורי תורה, און מען דארף מחזק זיין די אלע וואס האבן א חלק דערין, אנהאלטן דערין, דאס איז די איינציגסטע כח וואס מיר האבן אין יודישקייט. **ווייל עס איז אזוי שטארק די כח היצר אין די מדינה, האט דער אייבערשטער אריינגעגעבן א חשקת התורה, אז מען זאל לערנען מער תורה, און אז מען לערנט ווערט די תורה א תבלין.** ביי אונז אין די קהילה לערנט מען יעצט מסכת יומא, מען וועט אי"ה ענדיגן אויף יום הקדוש. ווער עס האט זיך נאכנישט מיטגעכאפט, קען אנהייבן אויף אינמיטן די מסכת, אינמיטן א פרק, עס איז נישט קיין נפקא מינה, מען קען ענדיגן ביז יום הקדוש א האלבע מסכת וואס איז נאך געבליבן. אז ער וויל לערנען א צווייטער לימוד, קען מען אויך לערנען. דער עיקר איז, ליגן אין תורה, אויסנוצן די פרייע צייט פאר לימוד התורה.

**ווען** מען גייט אוועק זומער, נישט אייביג ליגט די קאפ צו קענען לערנען שווערע לימודים, **מען קען לערנען אויך גרינגע לימודים. עס איז דא אזויפיל וואס מען קען לערנען, חומש רש"י, משניות, חק לישראל, און היינט איז דא זייער אסאך תולדות ספרים פון גדולי ישראל פונעם פריערדיגען דור, עס איז שיין באשריבן זייערע מעשים, פון יעדן ספר קען מען האבן א געוואלדיגע נוצן. קוקן ווי אזוי די פריערדיגע האבן זיך געפירט, מען זעהט די השקפת החיים, ווי אזוי זיי האבן באטראכט זייער לעבן. יעדע ספר איז מלא שיינקייט, עס ברענגט ארויס ווי אזוי די תורה טוט אויסאיידלען א מענטש.** תורה איז אזוי ווי יין, ווייַן ארבעט איבער דעם מענטש, דער מענטש איז אנדערש נאכדעם וואס ער האט געטרינקען יין של תורה, פון וואס ער איז געווען פריער. **אסאך יראת שמים קען זיך א יוד קונה זיין פון אזעלכע ספרים,** צו דעם דארף מען נישט האבן קיין רואיגע קאפ אז מען זאל זיך דארפן מייגע זיין, דאס קען מען קוקן אונטערוועגס וואו מען איז, נישט ליינען אנדערע זאכן, נאר תולדות פון פריערדיגע ערליכע יודען.

**דער** אייבערשטער זאל געבן, מען זאל קענען מיטנעמען דעם יום חתונתו ויום שמחת לבו, אזוי ווי מען האט שוין גערעדט. א חתונה ברענגט מיט התחייבות פון ביידע זייטן, מיר זענען זיך מתחייב אונזער התחייבות וואס מיר האבן פארן חתן, און דער חתן האט אויך התחייבות צו אונז. א אשה איז

דער מאן מחוייב לרפאותה, נישט לאזן דאס ווייב זאל זיין קראנק, ער איז מחוייב צו באצאלן די דאקטער איר צו היילן וואס ער קען, דער אייבערשטער איז מחוייב מרפא זיין כלל ישראל. יעדע מאן איז מחוייב צו געבן פארן ווייב מזונות, עס קומט זיך מזונות פאר כלל ישראל פונעם אייבערשטן. אז מיר ווען זיך צושטעלן צו דעם יום חתונתו ויום שמחת לבו, ליגט א פליכט אויפן אייבערשטן, ער זאל זיך אויך צושטעלן דערצו.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, אז מען זאל זיך קענען פירן על דרך התורה, שפירן א טעם אין תורה, שפירן די גליקליכקייט וואס מען האט אז מען קען זיין א עובד ה', דינען דעם באשעפער. **יעדע דבר טוב וואס א יוד טוט, אפילו א קליינינקייט, האט א געוואלדיגע חשיבות ביים אייבערשטן.** נישט זיך צוריק האלטן פון יעדע דבר טוב, אפילו א מחשבה טובה, ווי מען האט פריער גערעדט, אפילו די אות ה' וואס איז נישט מער ווי א אתא קלילא, דארט ליגט די כח התשובה. מען דארף גארנישט טון דערצו, נאר האבן א גוטע מחשבה פארן אייבערשטן. בשבועות יפקון מן גלותא (**תיקוני זוהר** כא נה.), שבועות ברענגט אראפ א התעוררות צו די גאולה, זאל דער אייבערשטער געבן ונזכה ונחיה ונראה, מיר אלע אינאיינעם זאלן זוכה זיין אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

עם סיום דברות הקודש עמד **רבינו שליט"א** לרקוד בניגוני שמחת התורה, וניגון לשנה הבאה בירושלים.

*

***<u>יום שלישי פרשת נשא</u>***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ושימש ככהן אצל הפדיון הבן של בן הר"ר **נתן בנימין וועקסלער** הי"ו, שהתקיים באולם טענקא.

*

***<u>יום רביעי פרשת נשא</u>***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לסידור קידושין אצל בן הר"ר **אברהם צבי אדלער** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **משה ענגלענדער** הי"ו, שהתקיים באולם תפארת רבקה.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של הבחור **יעקב** נ"ו בן הר"ר **ניסן אליעזר פראנצויז** הי"ו, שהתקיים באולם קראסנא.

*

***<u>יום חמישי פרשת נשא</u>***

בשעות הבוקר נסע רבינו לבארא פארק והתפלל תפלת שחרית בבית מדרשנו ברכת אברהם. לפני התפלה הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **ניסן אליעזר פראנצויז** הי"ו, ולבן הר"ר **יצחק אהרן שטייף** הי"ו.

אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **יואל גאלדבערגער** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובקריאת השם.

אחר הברית חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל הברית של בן הר"ר **יצחק מרדכי שטראהלי** הי"ו, שהתקיים בבית מדרשנו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***<u>וזה תוכן הדברי תורה:</u>***

**די** וואך איז די פרשה פון ברכת כהנים. די כהנים האבן געבענטשט יודען, יברכך ה' וישמרך. יברכך ה' גייט ארויף אויף בנים, דער אייבערשטער זאל בענטשען יודען מיט קינדער. נאכדעם קומט די ברכה, יאר ה' פניו אליך ויחונך, דער באשעפער זאל שיינען זיין פנים צו דיר. ישא ה' פניו אליך, דער אייבערשטער זאל נושא פנים זיין פאר יודען.

**עס** קען זיין אז דער פשט דערפון איז, עס שטייט אין **אלשיך הק'**, אז יעדן יום טוב האבן יודען עולה רגל געווען, שלש פעמים בשנה, יראה כל זכורך את פני ה' אלקיך (דברים טז-טז). זאגט דער אלשיך, דער אייבערשטער האט באשאפן דעם מענטש, אז יעדער יוד האט א צלם אלקים, א געטליכער צלם,

אויף זיין פנים. דער צלם אלקים האלט אן, ווילאנג א מענטש פירט זיך ערליך. ווען א מענטש זינדיגט, צובּיסלעך צובּיסלעך ווערט אלץ דער צלם שוואכער און שוואכער. אין אני והוא יכולין לדור יחד, קדושה, א צלם אלקים, גייט נישט צוזאמען מיט עבירות. ווען עס קומט יום טוב, און מען איז ארויף געגאנגען עולה רגל זיין, האט יעדער יוד צוריקבאקומען זיין צלם אלקים וואס ער האט געהאט פאר דעם. שלש פעמים בשנה, יראה כל זכורך, זאל געזעהן ווערן אויף יעדען פון ענק, את פני ה' אלקיך. יעדער יוד דארף דאך האבן א פני ה' אלקיך, ער דארף האבן א צלם אלקים, עס איז נאר אז דורכן חטא גייט עס אוועק, אבער שלש פעמים בשנה יראה כל זכורך, זאל אויף יעדן צוריק געזעהן ווערן, את פני ה' אלקיך.

**א** יוד ווערט געבוירן מיט א צלם אלקים, עס שטייט נישט, צו עס קומט בשעת ער ווערט געבוירן, צו עס קומט ערשט בשעת ברית מילה. עס איז מסתבר, אז ווילאנג מען האט נישט גע'מל'ט דאס קינד, איז נישט דא קיין צלם אלקים. ער האט נאך אויף זיך א ערלה, עס איז נאכנישט ארויפגעקומען אויף אים א צלם אלקים. עס שטייט אין **זוהר הק'** (תיקון כב סו.) אז דער שם שד"י, און דער שם הוי"ה, ווערט נתגלה אויפן מענטש. און דאס ווערט נתגלה בשעת דעם ברית, נישט בשעת ער ווערט געבוירן. איז מסתבר אז דער צלם אלקים וואס א יוד האט, באקומט ער אויך בשעת דעם ברית. און פון דעמאלטס אן דארף ער זיך היטן, אז דער צלם אלקים וואס איז דא אויף אים, זאל בלייבן אויף שטענדיג.

**עס** שטייט אין די תולדות פונעם הייליגען **ליסקער רב זי"ע, רבי הערשלע ליסקער**, אז ווען עס איז אים געבוירן א קינד צו א אייניקל, און מען האט אים אריינגעברענגט צו ווייזען דאס קינד, האט ער געזאגט, איך וויל נישט זעהן דאס קינד ביז מען מל'ט אים. ווילאנג דאס קינד איז נישט גע'מל'ט, האט ער נישט געוואלט אנקוקען דאס קינד. און איך פארשטיי אז עס האט צוטון אפשר מיט די נקודה וואס מען האט פריער גערעדט, אז דער צלם אלקים קומט אויף א יוד, נאר בשעת מען מל'ט אים, פאר דעם איז ער נאך א ערל. האט ער נישט געוואלט זעהן דאס קינד, נאר ווען עס האט שוין אויף זיך א קדושה.

**וואונטשען** אן די כהנים, 'יברכך ה' וישמרך'. יברכך ה', בבנים, דער אייבערשטער זאל דיך געבן קינדער, 'יאר ה' פניו', דער אייבערשטער זאל אויפשיינען זיין פנים, 'אליך', צו דיר. 'ישא ה' פניו אליך', דער פנים פונעם אייבערשטען זאל זיין אויפן קינד.

*

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור השבועי **באור החיים הק'**.

בשעות הערב שימש **רבינו שליט"א** בסידור קידושין אצל החופה של החתן **ישראל** נ"ו, בן הר"ר **שלמה צבי זינגער** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **משה יונה ברוין** הי"ו, שהתקיים באולם אימפיריעל. ואצל החופה של החתן **יחזקאל מנחם** נ"ו, בן הר"ר **שמואל יצחק בריעף** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **יצחק דוד לאנדא** הי"ו, שהתקיים באולם כתר ריזל.

אחר החופה השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **משה אהרן פישער** הי"ו, שהתקיים באולם כתר צבי.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעור השבועי **באור החיים הק'**, בבית מדרשנו זכרון יהודא.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הר"ר **יצחק אהרן שטייף** הי"ו, שהתקיים באולם טענקא.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל הבר מצוה של בן ש"ב **הרה"ג רבי בנציון ראבינאוויטש שליט"א** (בן כ"ק האדמו"ר מדינוב שליט"א, וחתן אחיו כ"ק הגה"צ מתולדות אהרן וומסב"ג זצ"ל), שהתקיים באולם בית רחל.

אחר הבר מצוה חזר **רבינו שליט"א** להחתונה של החתן **ישראל זינגער** נ"ו, ושל החתן **יחזקאל מנחם בריעף** נ"ו. **רבינו שליט"א** רקד עם החתנים והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

## ערב שבת פרשת נשא

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **משה אהרן פישער** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ושימש ככהן אצל הפדיון הבן של בן הר"ר **ישראל שמואל אברהם מיסקי** הי"ו (נכד הר"ר **יאיר צבי גרינצוויג** הי"ו), שהתקיים באולם סקווירא.

*

## שבת קודש פרשת נשא

ביום שבת קודש בקריאת התורה התקיימה שמחת עליה לתורה של החתן **שמואל לוי** (ב"ר שלום) **וויטריאל** ני"ו. כמו כן קרא **רבינו שליט"א** השם לבת הנולדה אצל הר"ר **אברהם אהרן קאליש** הי"ו (חתן הר"ר **סיני ווייס** הי"ו), ולבת הנולדה אצל הר"ר **יחיאל לעווין** הי"ו (חתן הר"ר **שלמה שיין** הי"ו). אחר התפלה התקיים קידושא רבא לכבוד השמחות.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל הקידושא רבא לרגל העליה לתורה של ש"ב בן הרב **מרדכי יודא פיש** שליט"א (חתן גיסו הגה"צ אב"ד וואדקערט שליט"א) שהתקיים בבית המדרש תהלות יואל.

במוצאי שבת הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **ישראל משה לעפללער** ע"ה.

כמו כן הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת מרת פריעדמאן ע"ה (אשת הר"ר **ישראל יעקב פריעדמאן** הי"ו, בת הר"ר **מנשה אליעזר ראזענבערג** הי"ו).

## מתוך השיחה:

**רבינו:** פון וואו שטאמט מען פון דערהיים?

**הר"ר מנשה אליעזר ראזענבערג:** פון קראסנא.

**רבינו:** עס איז יעצט פרייטאג געווען די יארצייט פון קראסנא. פון שאמלויא איז אויך יעצט די יארצייט, זיי זענען געווען צוזאמען מיט קראסנא אין איין געטא.

**הר"ר מנשה אליעזר:** דער **שאמלויא'ער רב** איז געווען דארט צוזאמען מיטן **קראסנא רב** (הגה"ק רבי ברוך בענדיט ליכטענשטיין זצ"ל).

**רבינו:** ביידע זענען געווען זקנים, אבער דער **קראסנא רב** איז געווען עלטער פונעם **שאמלויא'ער רב**.

**הר"ר מנשה אליעזר:** דער **קראסנא רב** איז געווען זעקס און אכציג יאר.

**רבינו:** דער **שאמלויא'ער רב** איז געווען איין און אכציג יאר.

**הר"ר מנשה אליעזר:** דער **קראסנא רב** איז נאך געגאנגען הגבהה אויף די ספר תורה ביי מנחה. ער איז געווען א געזונטער מענטש, ער איז קיינמאל צו קיין דאקטער נישט געגאנגען.

**רבינו:** זון זון רבי הלל (בעל כונת הלב) איז יא געווען א חלוש כל ימיו.

**הר"ר מנשה אליעזר:** נאך פונעם געבורט, ער האט אנגעהויבן שפעט צו רעדן.

**רבינו:** איך האב געהערט פון **מיין טאטן ז"ל**, אז רבי הלל איז געווען צוזאמען מיטן **שאמלויא'ער רב** אין לאגער, און עסן איז געווען וויניג, און טרינקען איז געווען וויניג. און רבי הלל'ס רעבעצין, וואס איז געווען דעם שאמלויא'ער רב'ס טאכטער, האט פארשאפט חלב עכו"ם. און זי האט געפרעגט איר מאן, צו זי קען עס געבן צו טרינקען פאר איר פאטער, דער **שאמלויא'ער רב**. האט ער איר געזאגט, אוודאי על פי דין קען ער טרינקען, אבער איך קען נישט צוזעהן, אז א יוד וואס האט זיך אזויפיל געפלאגט אויף תורה זיין גאנץ לעבן, זאל סוף ימיו דארפן טרינקען חלב עכו"ם. ער קען נישט זאגן, אז יא. - עס איז געווען וואס צו עסן, עס איז נישט געווען ממש פיקוח נפש[א].

**הר"ר מנשה אליעזר:** איך האב געזעהן געדרוקט לעצטענס, אז דער **אודווארי'ער רב זצ"ל** האט געהאט געשריבן, אז בשעת די קריג אין בערגען בעלזן האט ער געזעהן ווי די רעבעצין האט געגעבן פארן סאטמארער רבי'ן מילך. און מען האט עס

---

[א] וזה לשון **הגה"צ מקראסנא זצ"ל** במכתבו: ועתה בכתבי שורותי בידים רפות, נזכרתי איך היה יקר אצלי קדושת גופו הטהורה זצ"ל, כי אחותכם הצדיקת רבקה ע"ה הי"ד שאלה ממני היות כי הגיע לידה מעט חלב שחלבו נכרי ואין ישראל רואהו, אם אני מסכים שתטעה את אביה ז"ל להשקותו חלב זה. ואני בהתבונני קצת, אם כי היה מותר מצד הדין בלי ספק בשעת סכנה, מכל מקום אחר התבוננות בדבר אמרתי, גוף קדוש כזה אשר נתקדש בקדושת התורה הק' וחידושי תורה הרבה, לא יבא לפיו הקדוש חלב אשר אסרו חז"ל, ואמרתי לאחותכם שלא תעשה כזאת... (הובא בהקדמת **דרשות לחם שלמה** דף נב).

געדרוקט. און רבי שלמה יעקב געלבמאן האט עס איינמאל פארגעליינט פאר די רעבעצין, און זי האט געזאגט, אז זי האט קיינמאל נישט געגעבן פארן רבי'ן מילך. ביז זי האט זיך געכאפט, אז זי פלעגט קאכן פאטעטאס אין וואסער, און דער רבי האט נישט געטרינקען קיין פשוטע וואסער, האט זי געגעבן די וואסער וואס מען האט געקאכט די פאטעטאס, און עס האט אויסגעקוקט ווי מילך. האט מען עס איבערגעזאגט פארן **אודווארי'ער רב**, האט ער זיך געכאפט אז ער האט געמאכט א טעות, און ווען מען האט עס נאכאמאל איבערגעדרוקט, האט מען עס ארויסגענומען.